№ 8 (פערטער יאָרגאַנג) פרייז 10 גראָשן BIALER WOCHENBLAT

# ביאַלער וואָכנבלאַט

נאַציאָנאַל געזעלשאַפטלעך וואָכנבלאַט פאַר ביאַלע-פּאָדל. און אומגעגנט.

אַבאָנאַמענטס-פרייז:

| | |
|---|---|
| מאָנאַטלעך . . . . | 40 גראָשן |
| פערטל-יערלעך . . . . | 1.20 זל. |
| אויסער ביאַלע מאָנאַטלעך . . | 1 זל. |
| פאַר אַ קוואַרטל . . | 2 זל. |

אַנאָנסן-פרייז:

פאַר אַ וואָרט טעקסט 10 גראָשן

פאַרן אינהאַלט פון די אַנאָנסן און אָפענע בריוו איז די רעדאַקציע נישט פאַראַנטוואָרטלעך.

די צייטונג טראָגט נישט קיין געשעפטס-כאַראַקטער און איז נישט אויסגערעכנט אויף פאַרדינסט.

אַדרעס פאַר בריוו און געלט-זענדונגען:
Red. „BIALER WOCHENBLAT"
Biała-Podl., Grabanowska 39.
Konto rozrach. № 1.
Skrz. poczt. 26.

ביאַלע-פּאָדל., פרייטאָג פ' תשא תרצ"ז, 26 פעברואַר

Biała-Podlaska, dnia 26 lutego 1937 r.



## א י י נ ל א ד ו נ ג

היינט 8.30 אָוונט איז לאָקאַל פון „תרבות" (קרוטקע 3) קומט פאָר דער ערשטער פון דער סעריע פרייטאָגדיקע

## געזעלשאַפטס-אָוונטן

די אָוונטן וועלן געפירט ווערן אין אַ געמיטלעכער סביבה און שטימונג.

דער פּראָגראַם פון היינטיקן אָוונט איז פאָלגנדער:

| III. | II. | I. |
|---|---|---|
| „אָפענער פאָרום" פרייער שמועס איבער אַ רייע ענינים | אין יאָר-טאָג פון די ווינער פעברואַר-געשעענישן | די „פּאָליטישע וואָך"-איבערזיכט פון אַקטועלע נייעס |

אויף דער צייט פון אָוונט איז טעטיק אַ ביליקער בופעט און אַ לעזע-זאַל.

פ ר י י ע ר א י י נ ט ר י ט פ אַ ר א ל ע.

די גאַנצע ביאַלער געזעלשאַפט גרייט זיך צום XI-טן טראַדיציאָנעלן

## פורים-מאַסקן-באַל

פון „טאָז"

וועלכער קומט פאָר מ אָ ר ג ן ש ב ת אין די פּרעכטיקע זאַלן פון קינאָ „א ל ב א".

(די הכנסה איז באַשטימט אויף דער זומער-קאָלאָניע פון „טאָז").


### אויפפאָדערונג

כפאָדער אויף די ה"ה ישעיהו און טוביה בלומענקראַנץ, דאָס זיי זאָלן מיר אומקערן די ביי מיר געמאָרגטע מיט צוויי יאָר צוריק טויזנט זלאָטעס (אָן פּראָצענט).

כבאַמערק, אַז די טויזנט זלאָטעס האָב איך אָנגעזאַמלט אַרבעטנדיק אויף שטעלעס אין פאַרלויף פון לאַנגע יאָרן, נישט כדי אַז איר זאָלט זיך קויפן הייזער און פּראַקטיק אויסמעבלירן די שטובנס.

איר האָט ביי מיר גענומען דאָס געלט נישט אויף קיין פּראָצענט און איר ווילט מיר עס נישט אָוועקגעבן. פאַר וואָס? כבין דאָך אַן אָרימע וואָס אַרבעט גאַנץ שווער אויף מיינע פאַר זל. איך דערמאָן עס אייך, כדי איר זאָלט נישט מיינען, דאָס כבין אַ וואַרשעווער סוחר, וועמענס סחורה איר האָט פאַרן באַנקראָט אַרויסגעפירט קיין לאָמאַז.

איך וואָרן אייך, דאָס איר זאָלט מיר אומקערן מיינע שווער פאַרהאַרעוועטע טויזנט זלאָטעס, ווייל איך וועל זיי אייך נישט שענקען און אויך אייך קיין „נחת" נישט פאַרשאַפן.

שרה שאַפּראַן. (קאָנסטאַנטינאָוו).


דער פאַמיליע סרעבניק!

צוליבן טויט פון זייער מאַן און פאָטער **אברהם** נ"ע

אונזער טיפסטן מיטגעפיל אין זייער צער

חיה'לע פישל לעבענבערג.


### וועגן דייטשישע פילמען

#### ווי אזוי רעאַגירן אַנדערע שטעט?

אין קאַלישער וואָך № 7/336 פון 12 ה. מ. לייענען מיר פאָלגנדע נאָטיץ:

„אַכטונג יידישע קינאָ-באַזוכער!

מיר מאַכן אויפמערקזאַם, אַז דאָס בילד „Ostatni Akord„ וואָס ווערט דעמאָנסטרירט אין „סטילאָווי" איז אַ היטלער-פילם. אויך די פאַריקע בילדער ווי: „Władca Kalifornii„ אין „Palac we Flandrii" זענען געווען פון דייטשישע פּראָדוקציע.

יעדער יידישער קינאָ-באַזוכער, וועלכער וויל אויסמיידן בילדער פון דייטשישער פּראָדוקציע, דאַרף באַצייטנס אַ קוק טון אין אונזער צייטונג און אויב עס געפינען זיך נישט די קינאָ-אַנאָנסן פון דער לויפנדער וואָך, באַווייזט עס, אַז אין די קינאָס ווערט דעמאָנסטרירט בילדער פון דער דייטשישער פּראָדוקציע".

(קאַלישער-וואָך № 7/336)


### אַכטונג

### שניידער און שניידערינס!

צום נייעם סעזאָן — אַ גרויסער אויסוואַל פון פאַרשידענע **זשורנאַלן** האַלב יעריקע אין מאָנאַטלעכע צו באַקומען אין צייטונגס-קיאָסק פון

**חוה קאָהן.**



Z powodu śmierci naszego długoletniego członka b. p.

**A. SREBNIKA**

Klub Obyw. w Białej-Podl. wyraża jego rodzinie szczere współczucie

**Zarząd.**

צוליבן פריצייטיקן טויט פון אונזער ראַט-מיטגליד

## אברהם סרעבניק

אויסדריקן פון מיטגעפיל דער אין טרויער איבערגעבליבענע פאַמיליע

קאָאָפּ. דיסקאָנטא קאַסע.

צוליבן פריצייטיקן טויט פון אונזער פריינט

**אברהם סרעבניק** נ"ע

דריקן מיר אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל דער אין טרויער איבערגעבליבענע פאַמיליע

אייזיק שוואַרץ און פרוי.

דער פאַמיליע סרעבניק דריקן מיר אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל. צוליבן טויט פון זייער פאָטער, מאַן און אונזער חבר

**א ב ר ה ם** נ"ע

ש. שוואַרץ און פרוי.

דער פאַמיליע סרעבניק צוליבן טויט פון זייער מאַן און פאָטער

**א ב ר ה ם** נ"ע

דריקן אויס דעם טיפסטן מיטגעפיל

ע. וויינבערגער און מ. פעלדמאַן.

שפּוינצע!

זיי געטרייסט אין דיין גרויסן צער

חמה, דאָרקע, חנה.

בצער גדול הננו משתתפים באבל הגדול של משפחת סרעבניק במות עליהם אביהם

**אברהם סרעבניק** נ"ע

בחיים יהצאו נחומים

משפחת אַלטביר.

דער פאַמיליע סרעבניק צוליב דעם טראַגישן טויט פון זייער הייסגעליבטן

**פ אָ ט ע ר**

אונזער טיפסטן מיטגעפיל

סנדער קליגסבערג, חנוך ביאַלער

דער פאַמיליע סרעבניק דריקן מיר אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל צוליבן טויט פון זייער פאָטער און מאַן

**א ב ר ה ם** נ"ע

פאַמיליע גאָנסקי

איך דריק אויס דעם טיפסטן מיטגעפיל דער פאַמיליע סרעבניק צוליבן פריצייטיקן טויט פון זייער פאָטער

**א ב ר ה ם** נ"ע

פסח סאַלאָמאָן

